STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11456

FUN MAYN ZUMER

Reuben Eisland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



פֿון
מײַן
דעמער

ראובן אײַסלאַנד

צו ראָזע לעבענסבוים,

וואָס איהר איינפֿלוס

האָב איך צו פֿאַרדאַנקען

די מערסטע לידער

אין דער זאַמלונג, איז

דאָס בוך געווידמעט.

פון מיין זומער

I

שטיל־לעבען

I

ברויט און קעז און האָניג אויפֿ'ן פּראָסטען טיש.
גאָלדיג רופֿט צו זיך דער טיי,
אין דינע גלעזער צוויי.
און גרינליך, קיהל און פֿריש,
ווינקט דער וואַסער־קרוג, באַצויגען מיט אַ טוי.
אויף אַ קאַנט דאָס טאַשען־טיכעל פֿון אַ פֿרוי.
און דערביי אַ קליינע, קלוגע האַנט
אויף אַ שמאָלען לידער־באַנד,
אין וויין־קאָלירטען זייד.

II

ווי קיהלע, פֿולע בריסט, מיט אַ באַהאַלטען פֿייער,
ליגען שווערע טרויבען נעבען ברוינע,
מענליך־לאַנגע בארען.
פֿרויענהאַפֿט פֿאַרשייטע, מיט פֿארצעהרטער רויטקייט,
טוליען זיך צוויי עפּעל צו אַ קאַלטען,
פֿול מיט חכמה שיינענדיגען אָראַנזש.
ווי די גולם׳ס טעמפּע גלאָצען צוויי באַנאַנען.
גיריג ווי אַ מיידעל נאָך אַן ערשטען קוש,
רייסט זיך פֿונ׳ם שטענגל רויט א קארש.

III

די קאַלטע, שוואַרצע וואַזע —
אַ שלאַנקער אינגלינג, וואַרטענדיג אויף אַ באַפעהל,
וואָס הויבט אויף הויך,
א שטענגל דין און העל, מיט צאַרטע, ווייסע גלעקלעך.
אַרום דעם שטענגל,
ווי אַן אָוועטליכער וואָלקען, פול צעבליהטער בעז.
פאַר׳משפט׳ע צו אייביגער פאַרשלאָסענקייט,
בייגען זיך דעם ראנד אריבער
רעזיגנירטע לאַנדישען.

ווֹאָלקענס

שווער און פֿייערליך ציהט פֿאַרביי די שאַר.
גרוי־שוואַרץ, גרוי־ווייס און קופּער אין אַ בלויען ים.
אויף א זעגעלשיף פֿאָרויס דער האַר.
פֿינסטער דאָס געזיכט, נאָר ווי אַ פֿלאַם
די ברייטע פֿאָלעס פֿון זיין שווערען מאַנטעל.
נאָך איהם רייט א רייטער אָהן אַ קאָפּ,
אויף אַ פֿערד, פֿארשטיינערט, אין גאַלאָפּ,
און דערנאָך אַ מחנה קלעטערער,
שווער פֿאַרגליווערט אויפֿן רוקען פֿון אַ באַרג.
פֿינסטער וואַלד אַ שטיק, אַרויסגעריסען מיטן גרונט,
שווימט פֿאַראיינזאַמט. אויסגעבויגען שיף
צו דער קאַלטער בלויער טיף,
הענגט אַ טונקעל־ברוינער פֿעלז. —
אָפּגעריסען פֿון דעם צוג און דאָך געהיימניספֿול פֿארבונדען,
קומט אַ ריז מיט הוילע וואונדען,
שלעפּענדיג אַ באַרג.
און אויף זיין שפּיץ, אויף ברודיג צוגעפֿרוירען שניי,
ליגט אַ שמאָלער קאָפּ פֿון קאַלטען גאָלד, און צוויי
שנורלעך ליכט, ווי העלע רעטענישען,
ציהען זיך פֿון זיינע אויגען,
אין אַ האַלבען בויגען,
און פֿאַרבלייכען אין אַ שטומען וועה.

ניו־יאָרקער רעפלעקסען

סט. ניקאָלאַס־פּאַרק

צווישען בוימער קלעטערן לאַמטערנס,
באַרג ארויף און באַרג אַראָפּ,
אַ וואַלד פון ליכטער אין אַ וואַלד פון בוימער.

אונטען זינגט די נאַכט אין גאַס,
אין רעדער פון טראַמוויען.

צווישען בוימער דראַפּען זיך די שמאָלע שטעגען,
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ,
ווי קריכענדיגע שלאַנגען.

אויבען זינגט די נאַכט אויף רעכער.
אין פייערדיגע שילדען.

צווישען בוימער — טונקעל־הויטיגע געשטאַלטען,
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ,
און ווייסע אויגען־מושלען גלאַנצען.

צווישען קוסטען זינגט די נאַכט אין הייסע פינגער,
אויף יונג־צעבליהטע ברוסטען.

זון־פֿאַרגאַנג

איבער די שווערע מויערען
הענגט אַ שווערער וואָלקען,
שטורעם־באַלאָדען, מיט פֿייער באַזוימט.
אין אַן אָפּפאַלענער בוכטע
שווימען גאָלדענע אינזלען,
טונקעל פֿון טרויער.
אויף גרינגאָלדענע ברעגען —
גאָלדיג באַזוימטע וועלדער,
גאָלדיג באַזוימטע בערג,
און אַ שלאָס, וואָס ווערט און ווערט ניט,
קאַלט־אונהיימליך,
ווי אַ משוגענער חלום.

נאכט־רעפלעקס

פון דער ווייכער, פליסענדיגער אָוועגטליכער גרויקייט,
רייסען זיך די וואָלקען־קראַצערס, ווי ריזען נאַקעטע,
מיט פינסטערע שטערענס און פייערדיגע אויגען —
א מעכטיג געשריי פון מענשליכען ווילען,
צו שאַפען וואונדער אינ׳ם וואונדער פון דער וועלט.

און וואונדערליך־פאַרצויגען, ווי אַ שוואַרצער ריזיגער בויגען,
שפאַנט זיך בייכיג־שטייף אַ בריק פון ברעג צו ברעג
איבער אַ שוואַרצען טייך.

און ליַבען, אָנגעשטרענגטס פון טעג,
און טרוימען, אויסגעצויבערט אין די נעכט,
פליסען גאָלדיג דורך שטאָלענע אָדערן
פון וואונדער צו וואונדער,
וואו מענשען האָבען פענסטער אין הימעל אָנגעצונדען.

פֿיער אינגלעך און ווייסע בלוזען

פֿיער אינגלעך אין ווייסע בלוזען
זיצען אויף אַ שטיין אין פּאַרק,
מיט די רוקענס צו דער נאַכט, וואָס קומט.

פֿיער אינגלעך, ווייס ווי שוואַנען,
קוקען שטומע צו דעם הימעל,
וואו אַ דינער ראָזער וואָלקען
שפּרייט זיך ווי אַ פֿליגעל אויס.

פֿיער אינגלעך — ווייסע שוואַנען,
רייטען טרוימענדיג אין הימעל,
אויפֿן רוקען פֿון אַ ריזען ראָזען שמעטערלינג.

ביים האָפֿען.

איהר פֿרעמדע מיט די ברייטע אָרערדיגע הענט,
אויסגעקרומטע פֿיס און האַרטע פּנימער ווי פֿעלזן,
וואָס ס'שמעקט פֿון אייך מיט ים און סמאָלע
און מיט דעם ראָסט פֿון דיקע אַנקער־קייטען;
אָ, איהר, וואָס אַלע פֿעלקער און לשונות זענען פֿאַר אייך פֿרעמד,
און דאָך טראָגט איהר פֿון אומעטום דעם ברויז און שימל
צוזאַמען מיט אַ בענקשאַפֿט פֿון אַן אַנדערען הימעל;
אָ, איהר, וואָס פֿון די אַקסלען אייערע שפּראָצט מיט טראָץ,
נעמט מיך אויף!

II

פֿון מיין זומער

I

דאָס איז דער מיטען טאָג. דער רייפֿער זומער פֿון מיין לעבען.
איך בין דער שווערער בוים, מיט זון און פֿרוכט באַלאָדען.
איך בין דאָס ברייטע פֿעלד, געבענשט מיט פֿולע זאַנגען,
וואָס גלאַנצען גאָלדיג דיר, מיין זון, אַקעגען.
אין מיר איז טיפֿע רוה, פֿון צייטיקייט געזעטיגט.
און ווען כ'דערפֿיהל דיין הויך,
דאַן בייג איך זיך אין פֿריידענס־כוואליעס
פֿוי איין ברעג צום צווייטען.

II

ווי רײַפֿע פֿרוכטען זענען פֿול מיט זאַפֿט,
אַזוי איז איצט מײַן לעבען פֿול מיט רוה און פֿרייד.
געוואַרעמט פֿון דיר, מײַן זון,
געצײַטיגט פֿון דיר, מײַן זון.
און מיט ענטציקונג פֿיהל איך קומען יענע שעה,
ווען איך וועל, ווי אַ רײַפֿע פֿרוכט, וואָס פֿאַלט פֿון בוים,
ליגען פֿאַר דיר פֿול און שווער,
און דו, מײַן זוניגע, וועסט גנעדיג זײַן
און טרעטען אויף מײַן נאַקען.

III

מיין וועג איז ברייט און העל
און זיכער איז מיין טראָט,
און קרעפטיג זענען מיינע הענט,
וואָס וויגען ריטמיש זיך
צום טאַקט פון מיינע טריט.
און ס'קלאַפּט מיין האַרץ פאַר פרייד,
ווען איך דערנעהנטער זיך
צו דיר, מיין קעניגין.

IV

וואַסער, רויך און ריזיג ווייסע מויערן.
הייסע הענט און נעפּעלדיגע אויגען.
— איך וואָלט וועלען, אַז מיין ליבער זאָל זיין גרויס און ליכטיג,
זאָל זיין גרויס און פריידיג,
און זיין פרייד זאָל מיך און איהם פאַרצעהרען.

גרויס און פינסטער רוקען זיך די מויערן.
שווער פון בענקשאַפט ציטערען די פינגער.
— איך וואָלט וועלען, אַז מיין ליבער זאָל זיין שטאַרק און מעכטיג,
ווי די שווערע כוואַליעס מעכטיג,
און זיין מאַכט זאָל מיך און איהם צעברעכען.

וואַסער, רויך און הויך־געשפּאַנטע מאַסטען.
— איך וואָלט וועלען — הער, דו ליבער,
איך וואָלט וועלען, אַז דיין ליבע זאָל אַ גרויסער פלאַקער ווערען,
פון אַ שטאַרקען ווינט צעבלאָזען,
און אויף ים׳ען אונזער אַש צעוואַרפען.

וואַסער, רויך און נעפּעל.
— שלעכטער דו, ווי קענסטו שווייגען?
איך וויל גאָר ניט. נאָר ס׳זאָל אייביג אונזער שיף אַזוי זיך שניידען
דורך דער גרויקייט פונם נעפּעל,
און דעם ציטער פון דיין האַנט נאָר פיהלען,
און דאָס צוקען פון דיין ברעם נאָר פיהלען.

V

מיין קינד האָט צעלאָזען די האָר.
— זאָל זיי קושען די זון.
זאָל זיי קושען דער ווינט.
און דער וויניגער דופט פון ווילד־ווינשעל־בליטען,
און דער ביטערער ריח פון ערשטע שפראָצונגען אויף בוימער.

ניין, דו קוש מיך, ליבער!
מיר האָבען ניט קיין הויז.
איז אונזער דאַך דער טראַם, דער על
און אונזער הויז דער פאַרק,
מיט זיינע פליגעל צו אַלע פיער ווינטען,
און זיינע בוימער ווי זיילען צום הימעל.

— זאָל מיך קושען די זון!
ניין, דו קוש מיך, ליבער!
אונזער הויז איז דער פארק,
וואו דער ווינט זייהט האַרבע דופטען איבער גראָזען
און גלעט אויס אַ בעט —
א, ליבער!

VI

איך טראָג אין מיר דעם שיין פֿון דיינע לאַבענדיגע אויגען,
דעם דופֿט פֿון דיינע קליידער,
די ווייסקייט פֿון די פֿינגער דיינע
און די וואַרעמקייט פֿון דיין ברייטען שטראַהלענדיגען האַרץ.

אָ, ליבע דו, אָ, ליכטיגע מיינע, דו!
דו ביזט פֿאַר מיר דאָס אויסגעבענקטע גליק,
און אויך דער שוואונג פֿון גרויסען האַמער,
וואָס לאָזט זיך שווער אויף מיר אַראָפּ.

און מיט ציטערדיגער פֿרייד בויג איך אָן דעם קאָפּ.

VII

דער דופֿט פֿון דיינע האָר. דער קיהלער ריח פֿון וואַסער.
דער שטילער גאַנג פֿון שיפֿען.
און בליהענדיגע ליכטער אויפֿ'ן טיפֿען שוואַרצען טייך.
און בליק פֿאַרגליהט דער אווענט־נאָכשיין הינטער שווערע מויערן,

און ריזען טויערן עפֿנען זיך און רופֿען.
דיין וואַרעם־מידע האַנט און דיין פֿאַרקלעהרטער בליק,
זיי רעדען שטומערהייט פֿון ניט באַשערטען גליק,
און פֿון געאַהנטע שרעקען.

VIII

אַ טיפֿער שטוהל, דער ריח פֿון לעדערנע רוקענס,
דער רויש פֿון דופֿטען,
און פֿרייד, וואָס פֿליסט פֿון ווייכע פֿינגער־שפּיצען,
און פֿון די קליינע פֿיס,
וואָס רוהען פֿרידליך אין מיין האַנט. —
און לאַשצענדיגע רייד,
וואָס ווערען האַרטע, שפּיציגע קאַפּריזען.
און ווערען ווידער גוט און ווייך
און פֿול מיט פֿרייד.
און שאַרפֿע נעגעל גראָבען איין זיך
גיפֿטיג אין מיין שטערען.

IX

איצט שמעקט פֿון דיר מיט גראָז, מיט ווינט און מיט דעם
היסען אָטעם פֿון פֿאַרלאַנגען.
און פֿון דיין אויג קוקט איצט אַרויס די טיפֿקייט פֿונ׳ם
טונקל׳ען וואַלד,
וואו צווישען שווערע בוימער פֿאַל׳ען דומפּע קלאַנגען,
פֿון טריט, וואָס לאָזען נאָך זיך טרויער,
ווי עכאָס פֿון געזאַנגען.

X

זאַטע פֿון גליק און געטריבען פֿון שרעק
דורך נעפּעל און רעגען,
דורך נעפּעל אוןווינט.
— וויין ניט, מיין קינד.
דאָ אויף געשלענגעלטע וועגען
געהן מיר דעם שיקזאַל אַקעגען.

קלאַמערט זיך פעסטער אַ האַנט אין אַ האַנט
אין נעפּעל און רעגען,
אין נעפּעל און ווינט.
— וויין ניט, מיין קינד.
ביז עס וועט קומען דער מאָרגען,
איז נאָך דאָס שיקזאַל פֿאַרבאָרגען.

שרעקינגער, וואַקלינגער ווערען די טריט
אין נעפּעל און רעגען,
אין נעפּעל און ווינט.
— וויין ניט, מיין קינד.
קומט אָן דער טויט אויף די וועגען,
לאָמיר איהם שטיל געהן אַקעגען.

XI

פֿויל און שלעפֿריג פֿאַלט דער רעגען אויף די שויבען.
ווי טאָפּאָלען פֿייערדיגע גלאַנצען אין דעם נאַסען אַספֿאַלט
לאַנגע, ציטערדיגע פֿלאַמען פֿון די גאַז־לאַמטערנעס.

פֿויל און שלעפֿריג ווי דער רעגען
שליכען צווישען די טאָפּאָלען,
סילועטען, מיידעלשע געשטאַלטען.

מיינע בליקען פֿאָלגען נאָך די טריט אין רעגען,
פֿויל און שלעפֿריג.
און אין מיר פֿאַרבאָרגען, ווי אַ פֿלאַם אין נעפּעל,
ציטערט איינזאַם רויטע בענקשאַפֿט
נאָך דיין טראָט, דעם ליבען.

XII

האַלב גרין, האַלב ברוין,
די לעצטע בלעטער אויף אַ בוים.

און שווערע וואָלקענס איבער גלאַנציג פּייכטע דעכער,
און גלאַנציג־פּייכטע אַספּאַלט־וועגן, שיינענדיג מיט קעלט.
און קעלט אין גאַנצען לייב.

נאָר אין דעם האַרצען לייכטען וואַרעם דיינע העלע אויגען.
און פון די ליפּען פאַלען העלע ווערטער
פון דעם גרויסען לי־טאַי־פּאָ.

XIII

די האַרטע טריט פֿון אומגליק הער איך קלאַפּען,
און ס'שטעהט פֿאַר איהם מיין טיר אַ ברייטע אָפֿען.
און אויף קיין רעטונג וויל איך מעהר ניט האָפֿען,
און רוהיג הער איך איהם אין פֿינסטער טאַפּען.

זאָל קומען וואָס עס וויל — ווי זיך אַליין געבונדען,
ליג איך און וואַרט אויף איהם מיט צוגעמאַכטע אויגען.
איך פֿיהל זיין קאַלטען אָטעם. און איבער מיר געבויגען
זיין פּנים, שטרענג און האַרט, די אויגען אָנגעצונדען.

XIV

ווייכע טריט פֿאַרנעם איך פֿון דער ווייטענס קומען,
ווייטע ווייכע קלאַנגען. —
גוט אַזוי. ווייל דאָס האָב איך דיין טראָט פֿאַרנומען,
דו, מיין ליבע.

ווייכע ווערטער פֿאַלען שעפּטשענדיג ווי פֿרילינגס־רעגען,
שפּראָצען טויזענד פֿריידיגע געזאַנגען. —
כאָטש איך וויים, עס טיילען אונז אָפּ טויזענט וועגען,
דו, מיין ליבע.

XV

פֿון דער טיפֿעניש גערהט אויף אַ שטיל געוויין.
מיין בלוי־אויגיגע, וואו ביזטו?
ס׳בליהען איצט ווי זונען־בלומען
די לאַמטערענס אין דער נאַכט.
פֿייערדיגע בענקשאַפֿט ציטערט
איבער וועגען אין דער נאַכט.
מיין בלוי־אויגיגע, וואו ביזטו?
אלע טויערען פֿון הארצען
זענען איצטער אויפֿגעמאַכט,
און אין שוואַרצען שווייגען פֿון דער נאַכט
יאָמערט מיין נשמה.

XVI

איבער הונדערט קעפּ און טויזענט אויגען
זוכען זיך ווי קינדער אונזער ביידענס אויגען.
זוכען און געפינען זיך ווי דורך אַ רעגענבויגען.

איבער הונדערט קעפּ און טויזענט אויגען
שמייכעלט אונזער טרויער,
ווי אַ לעצטער זונענשטראַהל אויף אַ פאַרשלאָסען טויער.

XVII

ברייט און רוהיג ווי דער אָוועגט,
וואַקסט די גאַס פון אָוועגט־רויטקייט
און פאַרלירט זיך אין דער נאַכט.
וויגענדיג זיך אויפ׳ן אַספאַלט,
יאָגען אויטאָס און פאַרשווינדען,
געהען מענשען און פאַרשווינדען,
און עס בלייבען נאָר די שאָטענס
פון אַ בענקשאַפט אין דער גאַס. —
דו, מיין נאָהנטע און מיין ווייטע!
פון אַ זומער־טאָג א גרויסען,
איז אַ בענקשאַפט נאָך פאַרבליבען.
און דער גרויער בלויער אַספאַלט,
ער פאַרנעמט זי אין מיין מידען,
אין מיין לאַנגזאַם שווערען טראָט.

XVIII

די בוימער פֿיהרען אין דער ווייט,
און בלוילּיך איז דער שטעג ביים זייט.

און בלוילּיך ווי אַ מעשה ווינקט
אַ דאָרף אין נעפּלען איינגעטינקט.

און האַלב ענטשלאָסען, אָהן אַ צוועק
לאָז איך אַוועק זיך מיטן שטעג.

די בוימער פֿיהרען, וועל איך געהן.
און וועל פֿאַרגעסען, וואָס געוועזן,

און וועל ניט טראַכטען, וואָס וועט זיין,
נאָר נאָכגעהן נאָכ'ן בלויען שיין.

XIX

שווערע שווילקייט, האַרבע ריחות,
און דאָס זעגען פֿון ציקאַדען;
טעמפּער, געלער שיין פֿון לאָמפּען
צווישען שוואַרץ פֿאַרצווייגטע בוימער.

שווער די לופֿט און שווער דער הימעל.
ווי אַ טעמפּ צעגליהטער קוגעל,
קייקעלט זיך אַרויס פֿון קוסטען,
ווי א זון גרויס, די לבנה.

„אָט אַזוי פֿאַרגעהט דער זומער,
טעמפּ און שווער און פֿול מיט טרויער."
„זיי נאָר רוהיג, גוטע מיינע."
„רוהיג שטאַרבען נאָר די בוימער."

און אַ מידע האַנט פֿאַרברעכט זיך
אינ׳ם שיין פֿון דער לבנה.

XX

די רייד און בליקען קענען זיך ניט שיידען.
ס׳פֿאַראָטען בלויז די הענט: מירביידע ליגען.
ווי קאַלטער שטיין פֿאַלט צווישען אונז אַ שוויינען,
און פֿיינליך־שווער ווערט מיט אַמאָל דאָס שיידען.
די אויגען ווילען — קענען זיך ניט מיידען,
און ס׳זאָגען אַלץ די הענט: מיר ביידע ליגען.
מיר ווייסען איצט, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרגאַנגען,
דאָך ווייגען טיף אַמאָליגע פֿאַרלאַנגען,
און וואַכען פלוצים אויף מיט נייע פֿלאַמען,
און ס׳פֿלעכטען זיך די הענט פארליבט צוזאַמען.

XXI

די זאַטע רוה פֿון הערבסט איז אין די כוואַליענדיגע גראָזען,
און אין די פֿולע זאַפֿטיג־גרינע רעמבעס.
נאָר ווי פֿאַרלוירען בויגען זיך די שווערע אולמען־צווייגען,
און ס׳ברוינען זיך די האָזעל־ניס,
און דאָ און דאָרטען לייכטען דורך די קוסטען,
ווי פֿאַרגליווערט פֿייער, ערשטע רויטע בלעטער.

און איך און דו, ווי רייפֿע און דערוואַקסענע,
באַגעגנען מיר מיט רוהיקייט די רוה.
און רוהיגע, אין זיך פֿאַרשלאָסענע, געהען מיר אַקעגען
דעם רעש פֿון יעדען טאָג,
וואָס שרייט פֿון גאַסען און פֿון באַהנען.

XXII

עס וועלען זיין נאָך טעג פֿול וואונדערליכען שווייגען.
און לייכטען וועט אין זיי, אַ העלער, אונזער טרויער,
ווי ס'לייכט דאָס גאָלד פֿון טאָג צווישען טונקלע צווייגען.

און ווי עס נייגט אַ שאָטען זיך פֿאַר אַ ליכטיג טויער,
אזוי וועט זיך דער קאָפּ אין העלע שעה'ן נייגען.
און קומען וועט אַ צייט, ווען ס'וועט אין אונזער טרויער
אויפֿגעהן גרויס די פֿרייד, וואָס איז אין פּיין געבוירען.

III

דאָס ליד פֿון חסיד שוטה און אַנדערע נאַראָנים

איך וועל זינגען דאָס ליד פֿון העניך, דעם חסיד שוטה.
אַ פֿליישיגער איד מיט אַ פֿליישיגער נאָז,
אַ צעבראָשטשעט האַרץ און פֿליישיג־גראָבע ליפּען;
אַ איד אָהן תורה און אָהן חכמה.
נאָר מיט אַ באָרד, אַ פֿייערדיג רויטע,
און מיט אַ פֿייערדיג האַרץ, וואָס טאַנצט און זינגט:
אוי, גאָט מוז מען דינען!
אוי, גאָט מוז מען דינען!
און דאָס נאָר מיט נחת —
הגואל ממות ופודה משחת.

איך וועל זינגען דאָס ליד פֿון מיין פֿריינד משה.
אַ גלגול פֿון הייליגען נאַר,
מיט שלאַבערינגע הענט און פּיסלעך קאָמיש דינע.
נאָר מיט אויגען קינדערשע, וואָס לויכטען פֿון פֿרייד
און זעהען די צייט, די גרויסע צייט,
ווען מזרח און מערב וועט ווערען איינס,
און פֿון עק־וועלט ביז עק־וועלט וועט קלינגען
דאָס הייליגע, נאַרישע אידישע וואָרט.

איך וועל זינגען דאָס ליד פֿון ניקאָלאַי לענין.
דער גרעסטער נאַר פֿון אַלע נאַראָנים,
וואָס קען אַזוי קלינגענדיג־האַרציג לאַכען,

און קען אַזוי קינדערש־נביא׳יש חלומ׳ן,
און אַזוי מענשליך־נאַריש־גרויס
זעהן דעם סוף פון אַלע סוף׳ן.

אוי, גרויסער גאָט, אוי, גוטער גאָט!
דו, וואָס האָסט מיך געשטראָפט מיט קלאָרער ניכטערקייט,
פאַר׳שכור מיין האַרץ און פאַרוויר מיין קאָפּ,
און לאָמיך איינמאָל כאָטש דערגרייכען
צום קנעביל פון קלענסטעו פון אלע נאראָנים.

דייוויד עלקין

דייוויד עלקין, אַ האַלב לעגענדאַרישע פּערזאָן, איז געווען אַ וואַנדערנדער פּרעדיגער, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שטרויכלונגען, ווען איהם איז אויסגעקומען צו ברענגען טרייסט פאַר אַ פאַרצווייפעלטען פּיאָניר אין אַ פאַר־וואָרפענער געגענד, ווען די ווייטע מערב־שטאַטען האָבען נאָר וואָס אָנגעהויבען באַזעצט צו ווערען.

ווער עס האָט מיט זעג און האַק אין מערב זיך געלאָזען,
ווער מיט ביקס און שרויט, און ווער מיט פּעסער בראָנפּען,
דייוויד עלקין איז אַוועק מיט גאָטס וואָרט אויף די ליפּען
און מיט אַ גוטען שמייכעל אין די ווייכע אויגען.

ווער ס'האָט אָנגעשפּאַרט זיין בעליק אָן אַ פּעלזען פון קענטאָקי,
ווער עס האָט געבויט זיין אַקער אויף די פּריירים פון אָהייאָ,
דייוויד עלקין בויט קיין הויז ניט, דייוויד עלקין מעסט קיין
פּעלד ניט.
דייוויד עלקין בויט פאַר גאָט אַ הויז אין מענשענס הערצער
און פאַרזייהט זיין טרייסט אויף אַלע ווילדע וועגען.

דייוויד עלקין! דייוויד עלקין!
אַלע וויסטע סליאַדען אין די אַלטע וועלדער,
אַלע קרומע שטעגען אויף די רוקענס פון די בערג,
אַלע סטעפּען, וואו עס האָבען דיינע פיס געטראָטען —
אַלע, אַלע זינגען זיי אַ לויב צו דיר,
דו, פאַרגעסענער פון העלדען.

לינקאָלן אין ריטשמאָנד

די שטאָט ברענט. און ס׳קנוילען זיך צום הימעל:
דיקער שוואַרצער רויך,
פּעטע, פרעסענדיגע פלאַמען,
און שכור׳ע געשרייען און געוואַנגען. —
שרעקיגער געלאַף פון ווייסע.
און ערשט באַפרייטע נעגערן,
מיט בונטע טראַנטעס אויף די שוואַרצע לייבער,
מיט חיה׳ש ווייסע ציין און דאַמפּענדיגע געווער,
שטראָמעי כוואַליעס־ווייז פון גאַס צו גאַס,
שרייענדיג און זינגענדיג,
און טראָגענדיג פאַרוויסטונג אין די חיה׳ש ברייטע פיס.

אַ שוואַרצער וואַלד פון קעפ, געבויגען פון אַ שטורעם.

עס וואַקסט דער וואַלד און ס׳וואַקסט דער שטורעם.
און ער, אויף וועמענס גורל ס׳איז געפאַלען,
צו ווערען דער באַפרייער,
אים בויגען זיך די קני.

עס וואַקסט דער וואַלד און ס׳וואַקסט דער שטורעם.
און פיינליך קרומט זיין רוקען זיך אין שאַנד,
און ס׳פלאַמען הייס ביי אים די אויערען: —
צי האָט ער דאָס געוואָלט?
צי איז דאָס ניט אַ בייזער שפּאָט?

אַ שטראָף פֿון גאָט,
פֿאַר אייטעלקייט און דורשט נאָך מאַכט?
ער זעט פֿאַרוויסטונג און זעט נאָך מער.
און מיט זיין אומגעלומפערט גרויסער האַנט,
ווישט ער דעם קאַלטען שווייס פֿון ביינערדיגען שטערן.

עס וואַקסט דער וואַלד און ס'וואַקסט דער שטורעם.
און מיט אַמאָל ווערט ער פֿאַרגליווערט אין אַ וואַנט
פֿון שוואַרצע קעפּ און טויטער שטילקייט.
און פּלוצלינג רייסט זיך שאַרף און שרעקיג אַ געשריי:
לינקאָלן!
און ווי אַ ווינט צעטראָגט זיך: לינקאָלן!
און איינער רופֿט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען:
יעזוס הייליגער!
און ציטעריג רופֿט אויס אַ שטים:
משיח!
און ווייבער הויבען אויף די קינדער אין דער הויך:
זעה דעם אויסלייזער!
און עמיצער צעשרייט זיך ווילד:
דער יום הדין!
און ווי אַ כוואַליע טראָגט זיך איבער אַלע קעפּ:
דער יום הדין!
דער יום הדין!
דער יום הדין!

און ס'פֿאַלען טוויזענטער איז ציטערניש און עהרפֿורכט
אויף די קני.
האַלב זינגענדיג, האַלב שרייענדיג און שלאָגענדיג די שטערענס
אויף די שטיינער פֿונ'ם ברוק.

און ער, פֿאַר וועמעס פֿיס עס ליגען טויזענטער,
ער שטעט הכנעה'דיג און קליין.
און פֿילט,
אַז שווערער נאָך פֿון שפּאָט איז צו פֿאַרטראָגען לויב.
און נידריגער פֿון שטויב
דערנידעריגט די מענשליכע פֿאַרגעטערונג.
און קיינמאָל פֿריהער האָט ער ניט אַזוי געבענקט
נאָך פֿרידען און נאָך רוה און נאָך אַן אָרט,
וואו ער זאָל קענען ענדיגען די יאָרען
מיט ווייב און קינדער ווייט פֿון מענשען
און פֿריי פֿון אַלע איטעלקייטען.

טאָלסטאָי

אַ מענש מיט ברייטע הענט, אַ ברייטען פּנים,
און מיט אַ נאָז, א ברייטער, ווי ביי אַלע יונים.
און פֿול מיט תאוה, און בייז און שטאַרק ווי אַ פּויער.
און ווי אַ פּויער צוגעבונדען צו זיין שטיקעל פֿעלד.
די אויגען אָבער און דאָס האַרץ זיינס זעהען די גאַנצע וועלט
און אַלץ, וואָס מענשען טוען און טראַכטען.
און אין שטילע פֿאַרנאַכטען
פֿאַרנעמט זיין אויער
דעם טרויער און דאָס געזאַנג פֿון אַלץ, וואָס לעבט.
און ער דערשמעקט דעם פֿוילען געשטאַנק,
וואָס קומט פֿון מיאוס'ער פֿרייד. —
און פֿול מיט לייד
צו זיך און אַלע מענשען, ווערט ער קליין און קלענער,
און אין זיין קליינקייט שענער
און גרעסער פֿון אַלע מענשען אין זיין דור.

וויליאַם בלייק

טײַריעל! טײַריעל! בייזער קריגער און פֿאַראַכטער.
דו, פֿאַרעהרטער און פֿאַרלאַכטער,
ניכטערער אין שכרות, הייליגער אין זינד,
דו, אייביג קינד,
מיט אויגען פֿון אַ זעהער,
נעגעל פֿון אַ קאַץ און פֿליגעל פֿון אַן אָדלער.

ראַינער מאַריאַ רילקע

און זיינע לידער ווייגען וויאָלינען,
און זיי באַלייטען זיינע וואַכע טריט,
וואָס געהען ווייטע וועגען, גאָט צו דינען —
און מיט הכנעה געהען מיר אויך מיט.

און זיינע לידער זינגט דער איידלער טרויער
און בלאַסע הענט און אויף אַן אַלטער מויער;
און צאַרטע פֿרויען דופֿטען, ווען זיי וואַגען,
און שטאַרבען זינגענדיג ווי שוואַנען.

און זיינע לידער געהען דורך געשלעכטער,
וואָס הייליגען די ערד מיט זייער קומען;
און אַלטע דורות בליהען אויף ווי בלומען
אין זיי׳רע זאָמען, זיי׳רע זיהן און טעכטער.

און זיינע לידער טרייסטען ווי אַ רעגען,
וואָס פֿאַלט ווי ברכה אויף פֿאַרשטויבטע וועגען.
און אַלע שטרעקען מיר די הענט אַקעגען
ווי בעכערס, אונזער הייסען דורשט צו שטילען.
אונזער בענקשאַפֿט מיט זיין וואָרט צו שטילען.

מיין פֿאָטער

אַ שטילער, פשוט'ער מענש, מיט גוטע גרויסע אויגן
און מיט אַ ברייטען שטערן.
נאָר אייביג איינגעבויגען.
און אייביג גרייט צו הערען און צו נעמען,
וואָס איהם איז באַשערט. —
און וואויל איז איהם, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען
בטחון אין לעבען,
און אַקסלען, וואָס צוקען אויף פֿון פֿרייד,
ווען ער קען געבען
אַ טרייסט צו עמיצען אָדער זיך אַליין.
און שעהן איז ער אין מיין זכרון
פֿון יענע יאָהרען,
ווען ווארעם איז מיין האַנט אין דער זייניגער געלעגען,
און ביידע זענען מיר אויף שטילע וועגען
געגאַנגען שווייגענדיג,
און איינגעזאַפּט אין זיך די רוה
פֿון אָווענטען אויף פֿעלדער.

מיינע חברים

איינער דין און ליכטיג און ווי אַ שטענגל בויגיג.
שאַרף ווי אַ שווערט דער צווייטער און קלוג ווי אַ שלאַנג.
און לאַנג שוין, ווי כ׳האָב ניט געזעהן דעם דריטען.
דאָך טרעפֿט גאַנץ אָפֿט אין מיטען נאַכט,
אַז איך פֿאַרבענק זיך נאָך איהם ווי נאָך אַ פֿרוי.
און אַלע זענען מיר אַזוי אומגליקליך־גליקליך,
ווייל אַלע זענען מיר דיכטער.

מיינע לידער

פון מיינע דינע, פיינע לידער שמעקט מיט טויט.
מיט טויט, דערשפירט אין דער באַהעפטונג מיט אַ ווייב,
און אין די דינסטע פיבערן פון מיין אייגען לייב
ביי זון־פאַרגאַנגען,
און אין די רויטעסטע פאַרלאַנגען.
אין שענעם פאַרבען־שפיל ביי פרויען,
און אין דעם גרויען טרויער,
וואָס זיצט באַהאַלטען אויף דער לויער
אין די צאַרטסטע שפין־געוועבען
פון אונזער לעבען.
דאַריבער שוועבט א ציטער אין די פאַרבען
פון מיין ליד.
און טויט־מיד
ציהען זיך די ריטמען ווי אין פיבער
און געהען איבער
אין ציטריג האַלבע טענער
פון צייל צו צייל,
לעבען בלויז אַ וויייל
און שטאַרבען.

◇ ◇ ◇

וואָס בלייבט דען איבעריג אין אונזער שווערען לעבען,
ווי זיך פֿאַר'כשופֿ'ען מיט שענע רייד
און אויסגעטראַכטער פֿרייד,
און צייטענווייז פֿאַרזונקען ווערען
אין אַ געדאַנק אַ שווערען,
צי גאָר אין לאַשצענדיגע אויגען,
וואָס פֿיהרען ווי דער רעגענבויגען
פֿון דער ערד צום הימעל.

IV

טאַרנאָוו

I

עס שמעקט מיט זאַפראַן, נעגעלעך און ענגלישען געווערץ.
מיט זיסען צוקערוואַרג און שאַרפֿען קימעל,
מיט ריחות פֿון געוואַנדען און מיט ראָסט פֿון אייזען
און מיט דער קעלט פֿון לאַנגע שטאַבעס שטאָל.
עס שמעקט מיט זעק און צוגעפֿוילטען שטרוי,
מיט קוישען, שאַכטלען און מיט קאַסטענס, וואָס דערצעהלען
פֿון ווייטע שטעט און פֿרעמדע מענשען,
און מער פֿון אַלץ פֿון יענער שטאָט,
וואָס איז פֿאַר מיר דער טויער צו דער גרויסער וועלט געווען,
מיין שענסטער קינדער־חלום — טאַרנאָוו.

דו ביזט ניט איבעריג גרויס און ניט איבעריג שען,
דו, ליבסטע מיינע פֿון די שטעט.
צווישען בערגער צוויי ביזטו צענויפֿגעדריקט,
ווי אַ ריזען־פֿויגעל מיט צוויי לאַנגע אויסגעשפּרייטע
און צוגעשפּיצטע פֿליגעל,
איינער רעכטס און איינער לינקס.
נאָר גרויס ביזטו

מיט דעם שטאָלץ אין טראָט פֿון די סוחרים דיינע,
און גרויס ביזטו מיט דעם רעש פֿון טויזענטער,
וואָס קומען האַנדלען אין דיינע טויערען,
און גרעסער נאָך פֿון אַלץ
מיט דיין ברייטען אָטעם,
וואָס שפּרייט זיך אויס אויף וועגען און הויכט אָן לעבען
אין פֿערציג שטעט און דערפֿער הונדערטער אַרום.

און שען ביזטו מיט דיינע טעכטער,
די שענסטע פֿון גאַליציענס שענע טעכטער,
און מיט דעם בלויען גלאַנץ
איבער דיינע רויטע דעכער.
דאָך שענער נאָך
מיט דיינע גרינע פֿייערען, וואָס צינדען זיך אין רייהען,
אין די אויגען פֿון אַ אינגעל,
וואָס קוקט אויף דיר פֿון באַרג.
און שענער נאָך און גרעסער אין דעם צוטער
פֿון מיינע קינדערשע חלומות.

II

עס שמעקט מיט זאַפֿראַן, נעגעלעך און ענגלישען געווערץ.
מיט קופּעס קאַלטע שטיינער און פֿריש געשיילטע קלעצער,
וואו אינגלעך טומלען רייטענדיג,

און אינגלעך טומלען אויף שפּיץ־פינגער לויפענדיג,
אין זומערדיגע אָווענטען,
ווען ס׳גליהען אַלע שויבען אינ׳ם מאַרק,
און ס׳גליהען זייערע קינדער־הערצער
אין וואַרימקייט און פרייד.
און ס׳וואַקסט דער טומעל און עס וואַקסט די פרייד,
ביז ס׳ווערען אַלע פּנים׳ער ווי סאַזשע שוואַרץ,
און מידע זעצט מען זיך אין רעדלעך אויס,
און מיט אַ זיסער מידקייט אינ׳ם קול דערצעהלט מען זיך:
פון כשוף־מאַכער און פון רויבער־באַנדעס,
פון ליכטלעך, וואָס פאַרפיהרען און מתים אין דער שוהל;
פון אוצרות און פון היילען, פון גרויסען פוילען־אויפשטאַנד,
פון גזרות ת״ח און גאָנטאָ און טייכען אידיש בלוט.
אַ דריקענדיגע שטילקייט נעמט אלעמען אַרום
און פון די גרויסע אויגען קוקט אַ צער אַרויס.
דער שווערער צער פון דורות, וואָס מאַכט אַלע שטום.
און פּלוצים נעמט מען זיך דערצעהלען:
פון אַלטען שלאָס אין קראָקאָ און קייזער־שלאָס אין וויען,
פון מלכות׳דיגען הויף אין טשאָרטקאָוו
און רבי׳נס קלויז אין סאַדע;
פון פראַנקפורט און פון פרעשבורג
און פון אַלטען פּראַג.
אוי הויבט מען שטעט אָן צעהלען, וואַקסט פּלוצים טאַרנאָוו אויס.

און אַלע אויגן גלאַנצן אויף
און ווענדן זיך צום ברייטן וועג, וואָס פֿירט אַהיין,
און אַלע הערצער אָטעמען מיט שטאָלץ:
„אונזער טאַרנאָוו!"

און פֿרייטאָג נאַכט,
ווען ס'זיצט אַ אינגעל ביי זיין טאַטענס טיש,
און ס'שמעקט מיט וויין און ס'שמעקט מיט פֿיש,
און ס'שמעקט מיט פֿרישער חלה און מיט זייד און אַטלאַס;
און צעהן לייכטער בלישטשען אויפֿן טיש,
און צעהן שאָטענס טאַנצען אויף די ווענט,
און ס'גלעט דער טאַטע שטיל זיין שוואַרצע באָרד,
און ס'טונקט דער אורח זיין המוציא אינם בראָנפֿען,
און טונקט אַ פֿינגער אין די ברעקלעך איין,
און קייט בנעימות,
און קייענדיג דערצעהלט ער זיך אַ מעשה נאָך אַ מעשה,
און ווי עס לעבען אידען אויף דער גרויסער וועלט:
אין קראָקאָ זענען אידען גוט און פֿרום,
אין וואַרשאָ איז אין יעדען הויף אַ שוהל,
אין לעמבערג האָט מען ליב אַ סך צו עסען,
און שטאָלצע זענען די קבצנים פֿון לובלין;
פֿאַרשייט אַביסעל זענען שוין די ריישער אידען,
אין וויען איז טרפה דאָך אַ יעדער שטיין,

און דאַנציג זעהט מען שוין קיין אידען ניט,
און וואַקסען וואַקסט איצט טאַרנאָוו.
דאָס אינגעל האָרכט און קוועלט און זיך פֿאַר פֿרייד:
„אונזער טאַרנאָוו!"

דער אורח גיסט אַ צווייטען גלעזעל אָן,
פֿאַרקוועטשט די אויגען און פֿאַרבייסט,
און אַ דערוואַרעמטער, אַן אויפֿגעהייטערטער,
מיט אַ שמייכעל אין די בלישטשענדיגע אויגען,
דערצעהלט ער ווייטער, ווי עס וואַקסט און וואַקסט די שפּע דאָרט,
און ס'וואַקסען אויף גבירים,
מיט ברייטע הערצער און מיט ברייטע הענט:
איין מכניס אורח איז דאָרט פֿאַראַן,
לעגט ער אַליין זיך שלאָפֿען אויף דער הוילער ערד
און זיינע אורחים ווי די שררות ליגען אין זיין בעט.
דאָס אינגעל האָרכט און קוועלט און זיך פֿאַר פֿרייד:
„אונזער טאַרנאָוו!"

עס פֿאַרען שוין די טעלער אויפֿן טיש,
דעם אורח'ס רייד פֿאַרקלינגען אין געקלאַנג פֿון טעלער־לעפֿעל,
און אינגעלס האַרצען קלינגט און קוועלט נאָך אַלץ די פֿרייד:
„אונזער טאַרנאָוו!"
ער ווייסט: דאָרט בויט אַ שוהל זיך דרייסיג יאָהר,

און ס'שטעהען אַלץ נאָך הוילע ווענט,
און אַז אַן אַלטע הייל איז דאָרט פֿאַראַן,
וואו ס'ליגט אַן אוצר פֿון קדמונים אָן,
און נאָר דער למד־וואָווניק אין דער גרויסער קלויז,
ער איז דער איינציגער, וואָס ווייסט דעם וועג אַהיין,
נאָר זאָגען וויל ער קיינעם ניט.

זיין מאַמע שרייט אויף אים: וואָס עסט ער ניט!
ווי אויף אַ גולם קוקען אויף אים זיינע אַלע ברידער,
און אַ פֿאַרשעמטער כאַפּט ער שנעל אַ לעפֿעל נאָך אַ לעפֿעל.
דאָך ברענען אַלץ די אויגען זיינע נאָך,
און שטיל אין זיך הערט ער דעם למד־וואָווניקס רייד,
וואָס גיט דעם סוד אים איבער,
און ס'עפֿענט זיך פֿאַר אים די אַלטע הייל,
וואו ס'בליצט פֿון טעפּ אַרוים דאָס גאָלד,
און ס'בליצט פֿון טעפּ אַרוים דאָס זילבער,
און עדעלשטיינער און קרישטאָלען בלענדען זיינע אויגען.

III

עס שמעקט מיט זאַפֿראַן, נעגעלעך און ענגלישען געווערץ.
מיט צאַנקענדיגע ליכט און טריפֿענדיגען חלב,
מיט וואַרעמקייט פֿון אויווען און וואַרעמקייט פֿון רייד,

וואָס טריפֿען פֿון דעם ווידענס ליפּען,
ווי שווערע טראָפּען האָניג.
און זיי דערצעהלען:
פֿון אידען חשובים, אידען גרויסע שררות,
פֿון פּראַכט אַמאָליגען און היינטיגע שווערע צייטען,
און פֿון פּרנסות ביטערע, און וואָס עס קען זיך טרעפֿען:
פֿון וועלף, וואָס קוקען הונגעריג פֿון וואַלד אַרויס,
און פֿון גזלנים, וועלכע לויערען אויף בריקעס פֿול מיט סחורה,
פֿון אַ ליז, אַ דייטשעל, מיט אַ לאַנגער צונג,
און פֿון אַ קאַלטער, שטורעמדיגער ווינטער־נאַכט,
ווען ס'האָט אַ שד פֿאַרפֿירט זיין שליטען
אין אַ כשוף־קרייז:
— נעכט אַזוינע זאָלען מער זיך ניט אומקערען!
די פֿאָרסט און פֿאָרסט און פֿאָרסט,
און רירסט דיך ניט פֿון אָרט,
און ס'פֿייפֿט אַ ווינד פֿון אַלע זייטען,
און טראָגט אָן שניי אין גאַנצע בערג,
און וואָיענדיג פֿאַרשיט ער דיר די אויגען,
און וואָיענדיג פֿאַרשיט ער דיר דעם וועג.
דאָס פֿערדעל האָט שוין מער קיין כח צו שלעפּען,
און ס'וואַקסען צעפּלעך אייז אָן אויף דער באָרד,
און ס'וואַקסען צעפּלעך אייז אָן אויפֿ'ן מויל,
און ס'שניידט די פֿיס און ס'שטעכט די פֿינגער,

און נאָר עס שנייט און שנייט און שנייט, —
און ניט מען זעהט אַ ליכט און ניט מען זעהט אַ וועג. —
ביים אויווען אין אַווינקעל זיצט דאָס איינגעל צעגויפּגעדרעטערהייט
און האָרכט און האָרכט און וואַרט דעם סוף צו הערען,
כאָטש ער ווייסט אים שוין פון לאַנג.
און ווייסט שוין אויך: געשעהן איז דאָס
אין יענעם גרויסען ווילדען וואַלד,
וואָס ציט אַ מייל זיך רעכטס און ציט אַ מייל זיך לינקס,
ביי יענעם וועג, דורך וואַנען ס'קומען סוחרים
און ס'קומען גוטע אידען,
און אורחים, "איינקלעך"
און וואַנדערער פון גאָר דער וועלט —
ביים וועג, וואָס פירט פון טאַרנאָוו.

איין ליכטעל צאַנקט נאָך קוים, און ס'קלעפּען זיך די אויגען,
און ס'טריפען שווערער נאָך דעם זיידענס רייד,
און איצט דערצעהלען זיי פון מחלוקות צווישען גוטע אידען,
וואָס האָבען שטעט פאַרוויסט און מענשען טאָרבעס אָנגעהאנגען.
און פון דעם גרויסען פייער צווישען סאַדאַגור און סאַנדז,
ווי ס'פלעגט דער אלטער, בייזער סאַנדזער הימלען שפּאַלטען,
און טופען מיט זיין לאַמען פוס,
און שעלטען זיין באַהעלפער, און שעלטען אַלע די,
וואָס האָבען זיך קיין סאַדאַגור געקערט;

און פֿון זיין זון, דעם רידניקער, דעם שלעכטען,
דעם קלוגען אַחיתופל, לאַנג און שוואַרץ
און ביז דעם אויג באַוואַקסען,
מיט אויגען ווי פֿון שטאָל און מיט אַ האַרץ פֿון שטיין. —
א גלעט די שווערע באָרד,
אַ טרייסעל מיט דעם שטריימעל און דער ברייט,
און ס'האָבען חסידים שויבען אויסגעזעצט,
און קעפּ געשפּאָלטען,
און שטעט געברענט,
און מענשען ביז צום בעטעל־ברויט געבראַכט.
און ס'האָבען זיהן געשטעלט זיך געגען טאַטעס,
און ווייבער האָבען פֿון די מענער זיך געשיידט,
און יונגע איידעמס האָבען אַלץ געוואָרפֿען,
פֿאַרלאָזען ווייב און קינד,
געלאָזט זיך אין דער וועלט אַריין,
צעטיילט זיך אין צוויי מחנות, גרייט זיך צו פֿאַרטילגען. —
אויך ראָפּטשיץ איז אַריין אין שפּיל.
פֿאַרלוירען דאָרט דאָס לעצטע ביסעל גלאַנץ,
אַרויס צעריסען אָהן איין גאַנצען אבר,
פֿאַרבליבען איז איר נאָר אַ חכמה'לע,
א שענער נגון און אַ מחנה אייניקלעך,
וואָס האָבען זיך צעזייט אויף אַלע וועגען,
אין זייערע קאַפּטאַנעס מיט סטראָקעס

און מיט די ווייסע הויזען.
געשטאַנען אין אַ זייט איז בלויז דאָס קלוגע בעלז.
דאָס קלוגע בעלז מיט זיינע ספּאָדיקעס,
מיט זיינע בעקעשעס פון קאַטון
און מיט דעם ווילדען ברען.

און כאָטש דאָס אינגעל שלאָפט שוין לאַנג —
זיין מאַמע האָט פון אים די שטיוועל אָפּגעצויגען,
דאָס העמד אים אויסגעטאָן,
אַ וואַרימען געלעגט אין בעט,
און איז מיט ווייכע טריט פאַרשוואונדען,
דאָך הערט ער נאָך ווי ס'טריפען שווער דעם זיידענס רייד
און אים איז גוט, אָ!
און אלעם מישט איינאיינעם זיך צענויף:
דער אַלטער סאַנדזער, ווי זיין שטייגער, שטאָלץ און בייז;
דער סאַדגורער, מילד און איידעל, מיט די ווייכע אויגען;
דער קלוגער בעלזער מיט אַ לאַנגער ליולקע אינם מויל,
די ראָפּטשיצער אין קאַפּטאַנעם אָהן קלאַפּען,
מיט אויפגעשטעלטע בלויע סאַמעט־קראַגענס,
מיט סאמעטנע מאַנקעטען,
און ברייטע שוואַרצע אַטלאַס־גאַרטלען.
און פלוצים וואַקסען אויס:
אַ פּריצה'לע, אַ דייטשעל מיט אַ לאַנגער צונג,

און ס׳ציט א לאַנגע שורה וועגען אויף אַ באַרג ארויף,
און ווייט פֿון הינטען ווערען הייזער קלענער אַלץ און ענגער.
און ס׳צינדרען גרינע פֿייערען זיך אין לאַנגע רייהען,
און ס׳צינדרען גרינע פֿייערען זיך אין זיינע אויגען.

עס שמעקט מיט זאַפֿראַן, נעגעלעך און ענגלישען געווערץ,
מיט זיסען צוקערוואַרג און שאַרפֿען קימעל,
מיט ריחות פֿון געוואַנדען און מיט ראָסט פֿון אייזען
און מיט דער קעלט פֿון לאַנגע שטאַבעס שטאָל.
עס שמעקט מיט זעק און צוגעפֿוילטען שטרוי,
מיט קוישען, שאַכטלען און מיט קאַסטענס, וואָס דערצעהלען
פֿון ווייטע שטעט און פֿרעמדע מענשען,
און מער פֿון אַלץ פֿון יענער שטאָט,
וואָס איז פֿאַר מיר דער טויער צו דער גרויסער וועלט געווען,
מיין שענסטער קינדער־חלום — טאַרנאָוו.

א י נ ה אַ ל ט

זייט

I

שטיל לעבען 1 11
" " 2 12
" " 3 13
וואָלקענס 14

ניו־יאָרקער רעפלעקסען

סט. ניקאָלאַס פּאַרק 15
זון־פאַרגאַנג 16
נאַכט־רעפלעקס 17
פייער אינגלעך אין ווייסע בלוזען . . 18
ביים האַפען 19

II

פון מיין זומער

דאָס איז דער מיטען טאָג 23
ווי רייפע פרוכטען 24
מיין וועג איז ברייט און העל . . 25
וואַסער, רויך און ריזיג ווייסע מויערען 26
מיין קינד האָט צעלאָזען די האָר . . 27
איך טראָג אין מיר דעם שיין . . . 28
דער דופט פון דיינע האָר 29
אַ טיפער שטוהל 30
איצט שמעקט פון דיר מיט גראָז . . 31
זאַטע פון גליק 32
פויל און שלעפעריג 33

זייט

האַלב גרין, האַלב ברוין 34
די האַרטע טריט 35
ווייכע טריט פאַרנעם איך 36
פון דער טיפעניש 37
איבער הונדערט קעפ 38
ברייט און רוהיג ווי דער אָוונט . . 39
די ביימער פיהרען אין דער ווייט . . 40
שווערע שווילקייט, האַרבע ריחות . . 41
די רייד און בליקען 42
די זאַטע רוה פון הערבסט 43
עס וועלען זיין נאָך טעג 44

III

דאָס ליד פון חסיד־שוטה 47
דייוויד עלקין 49
לינקאָלן אין ריטשמאָנד 50
טאָלסטאָי 53
וויליאַם בלייק 54
ראַינער מאַריאַ רילקע 55
מיין פאָטער 56
מיינע חברים 57
מיינע לידער 58
וואָס בלייבט דען איבעריג 59

IV

טאַרנאָוו 63

פ א ר ל א ג
„אונזער שייער"
ניו־יאָרק - ווינ

„צענטראַל"
בוכדרוקעריי
וויען